# אַ געשפּרעך מיט דעם דייטש וואָס האָט געראַטעוועט די לעבנס פון 1,300 אידען



אסקאר שינדלער

**זיין נאָמען איז אָסקאַר שינדלער און ער איז אַ געוועזענער וואַפען־פאַבריקאַנט. — ער האָט אַרויסגענומען פון אוישוויץ אידישע שקלאַפען־אַרבייטער, האָט זיי געהאַלטען אין אַן אייגענעם לאַגער, געשפּייזט זיי און זיי באַשיצט. — ער איז צוויי מאָל געווען אַרעסטירט פון דער געסטאַפּאָ. — 200 פון די געראַטעוועטע אידען אין ניו יאָרק, צווישען זיי דער הויפּט רב פון קראָקע, האָבען אים דאָ אויפגענומען מיט דאַנק און פרייד. — אַ באַגעגעניש מיט דעם מערקווירדיגען דייטש אין דער הויז פון אַ אידישער פאַמיליע, וואָס ער האָט געראַטעוועט.**

פון ס. רעגענסבערג

אין מינכענער אָפיס פון דעם „דזשאָינט" זיינען געזעסען פאַרזאָרגטע און אומעטיגע אידען, וועלכע זיינען געקומען ווער נאָך הילף, ווער נאָך אַ עצה, און ווער צו זוכען אַ פאַרבינדונג מיט קרובים אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער. פּלוצים האָט זיך געעפענט די טיר און ס'איז אַריינגעקומען אַ מיטעל־יאָריגער מאַן, אַ דייטש. ווען די אידען האָבען אים דערזעהן, זיינען זיי אויפגע-

זיך פאַרזאַמעלט. ווידעראַמאָל האָבען זיך אָפּגעשפּילט סצענעס פון פרייד. מ'האָט זיך געקושט מיט'ן דייטשען רעטער; מען האָט געטאַנצט און געזונגען אונטער'ן פרייען הימעל אידישע לידער. מען האָט אָפּגעפרישט זכרונות פון שוידערליכע איבערלעבונגען, וואָס מען זוכט צו פאַרגעסען, אָבער וואָס זיינען אַרויפגעשוואומען אין אַ מאָמענט, ווען מ'האָט זיי געקענט דערצעהלען אין פריידען. ביי דער

שפּרונגען פון זייערע ערטער, זיינען צוגעלאָפען צו אים און זיינען אים געפאַלען אויפ'ן האַלז. מענער און פרויען האָבען אים געדריקט זיין האַנט. אַנדערע האָבען אים געקושט. ביי אַלעמען אין די אויגען האָבען געפינקעלט טרערען. דער דירעקטאָר פון דעם „דזשאָינט", סעם העיבער, איז געזעסען ביי זיין דעסק אַ געפּלעפטער פון דער סצענע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט פאַר זיינע אויגען.

„וואָס האָט איר זיך אַזוי דערפרעהט מיט דעם דייטש?" — האָט העיבער געפרעגט. „וואָס אַזוינס האָט ער געטאָן, אַז איר זאָלט אים אויפנעמען מיט אַזוי פיל ליבשאַפט און פרייד, פונקט ווי ער וואָלט געווען אַ קרוב פון יענער וועלט?" האָבען די אידען געענטפערט מיט זייערער אַ פראַגע אויף דער פראַגע, וואָס דער „דזשאָינט" דירעקטאָר האָט זיי געשטעלט.

„וואָס זשע," — האָבען זיי געפרעגט, — „איר ווייסט טאַקע ניט ווער דער דאָזיגער מענש איז? דאָס איז דאָך הער אָסקאַר שינדלער, וועמען מיר האָבען אַלע צו פאַרדאַנקען אונזערע לעבענס. ניט נאָר האָט ער געראַטעוועט אונז, נאָר ער האָט אויך באַשיצט און געראַטעוועט הונדערטער אידען פון טויט אין די גאַז־קאַמערען און קרעמאַטאָריעס פון אָשוויענטשים."

העיבער איז צוגעלאָפען צו דעם מערקווירדיגען דייטש און האָט וואַרים געדריקט זיין האַנט. זיי ביידע האָבען געהאַט אַ לאַנגען שמועס. עס איז געמאַכט געוואָרען אַן אויספאָרשונג צווישען די אידען, וועמענס לעבענס שינדלער האָט געראַטעוועט. דער גוטער דייטש האָט געהאַט אַ בקשה צום „דזשאָינט". פונקט ווי די אַנדערע אידען, האָט ער געוואָלט אַוועק פון דעם לאַנד, וואָס האָט פאַרגאָסען אַזוי פיל מענשליך בלוט און האָט געברענט לעבעדיגע מענשען אויף די שייטער־הויפענס. דער „דזשאָינט" האָט מעגליך געמאַכט פאַר דעם דייטשען אידען־רעטער צו פאָרען קיין אַרגענטינע. דאָרט האָט מען אים איינגעאָרדענט אַ פאַרם, אויף וועלכער ער און זיין פרוי. אַמיליאַ,

שמחות. זיינען געווען [illegible] לעוויט, דער עקזעקוטיוו וויס־פּרעזידענט פון „דזשאָינט", וועלכער האָט מיט שינדלער'ן זיך געטראָפען מיט פיר יאָר צוריק, ווען ער, לעוויט, האָט באַזוכט בוענאָס איירעס, און אַנדערע טוער פון „דזשאָינט". מיט צוויי טעג שפּעטער איז שינדלער געזעסען אין אָפיס פון „דזשאָינט" און האָט פאַר צייטונגסלייט געשילדערט די ראָלע, וואָס ער האָט געשפּילט אַלס רעטער פון העכער טויזענט אידען, וועלכע זיינען געווען פאַר־משפּט דערשטיקט צו ווערען פון גאַז אָדער פאַרברענט צו ווערען אין אַ קרעמאַטאָריע. ער האָט דאָס געטאָן אויפ'ן פאַרלאַנג פון זיינע פריינט וועלכע ער האָט דאָ באַגעגענט. אַליין איז ער אַ באַשיידענער מענש, וועלכער מיידט אויס פּובליסיטי, ווייל ער דענקט, אַז דאָס וואָס ער האָט געטאָן איז דיקטירט געוואָרען פון זיין געוויסען און עס קומט אים קיין דאַנק ניט דערפאַר.

ווען איך האָב געהערט און געלייענט וועגען דעם מערקווירדיגען מענשען (דער „פאָרווערטס" האָט וועגן אים געהאַט אַן אַרטיקל, געשריבען פון צבי הירש, און געדרוקט דעם 24טען מאַי פון היינטיגען יאָר), האָב איך שינדלער'ן זעהר שטאַרק געוואָלט זעהן. דער אָפיס פון דער דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע האָט געמאַכט פאַר מיר די פאַרבינדונג מיט אים, און לעצטען מיטוואָך אָוונט איז אָפּגעמאַכט געוואָרען, אַז מיר טרעפען זיך אין דער היים פון ענריק ראָזנער, 62-35 79טע גאַס, עלמהורסט, קווינס, וועמענ'ס גאַסט ער איז.

די געגענט, אין וועלכער די ראָזנערס וואוינען, איז אַ שעהנע. עס איז געווען פאַרנאַכט. קינדער האָבען זיך געשפּילט אויף דער גאַס. ווען איך האָב זיך נאָכגעפרעגט אויף דעם נומער, וואָס איז געווען אַביסעל שווער פאַר מיר צו געפינען, האָט אַ פרוי, וואָס איז געשטאַנען אויף דער גאַס, מיר אָנגעוויזען אויף דער הויז. זי האָט גלייך פאַרשטאַנען אַז איך בין געקומען זעהן שינדלער'ן און זי האָט מיך צוגעפירט ביז צו דער טיר. פרוי ראָזנער, אַ יונגע און אַ שעהנע, האָט פאַר מיר געעפענט די טיר אין

האָבען זיך באַזעצט, ניט ווייט פון בוענאָס איירעס.

דאָס איז געווען מיט צען יאָר צוריק. אין בוענאָס איירעס האָבען אידען, וועלכע זיינען דורך אים געראַטעוועט געוואָרען, אים דערקענט און זיך דערפרעהט מיט אים. מען האָט אים איינגעלאַדען צו אידישע שמחות, געמאַכט פאַר אים באַנקעטען און באַשריבען זיין הומאַניטאַרע אַרבייט לטובת אידען אין דעם שווידערליכסטען קריזיס, וואָס אידען האָבען איבערגעלעבט, אין דעם גרעסטען חורבן אין דער אידישער געשיכטע, אין וועלכען זעקס מיליאָן קדושים זיינען אומגעקומען.

איצט איז אָסקאַר שינדלער אין ניו יאָרק. ער האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט אויף זיין וועג קיין מערב-דייטשלאַנד, וואוהין ער פאָרט מאַנען פאַרגיטיגונג פאַר דער פאַבריק און פאַר די מאַשינען, פאַר זיין גאַנץ פאַרמעגען, וואָס די נאַצים האָבען צוגערויבט. ער האָט אָנגענומען די איינלאַדונג פון אַ אידישער פאַמיליע אין קווינס, אַ פרוי, איר מאַן און זייער זוהן, וועמענ'ס לעבענס ער האָט געראַטעוועט, צו זיין דער גאַסט ביי זיי פאַר דער צייט, וואָס ער וועט פאַרברענגען אין ניו יאָרק. האָט דער טעלעפאָן אָנגעהויבען צו אַרבייטען. עס האָבען זיך דערוואוסט צוויי הונדערט פון זיינע געראַטעוועטע אידען וועלכע וואוינען אין און אַרום ניו יאָרק, אַז שינדלער איז אין שטאָט. זייענען הונדערט פון זיי געקומען צו אַ פּאַרטי, וואָס די ראָזנערס, ביי וועמען ער שטעהט איין, האָבען געגעבען לכבוד אים. אין גאָרטען פון זייער הויז האָבען די מענשען

מיך האַרציג באַגריסט. כ'האָב אין הויז געטראָפען אַ קליין-געוויקסיגען איד מיט אַ הדרת פנים און אַ ווייסער, לאַנגער באָרד. דאָס איז געווען הרב מנשה יעקב לב-טוב (לעווערטאָוו), דער אב בית דין פון קראָקע, וועלכער האָט אַן אייגענע שוהל אין ברוקלין, און וועמען שינדלער האָט געראַטעוועט עטליכע מינוט איידער די נאַצים האָבען אים, דעם רב, געוואָלט שיסען. אין אַ שטול איז געזעסען דער מענש, וועמען איך בין געקומען זעהן, הער אָסקאַר שינדלער. פאַר מיר איז געשטאַנען אַ הויכער, קרעפטיג-געבויטער מאַן פון 49 יאָר אַלט מיט בלאָנד-געקרייזעלטע האָר און בלויע אויגען, אַן עכטער „אַריער". ער האָט וואַרים געדריקט מיין האַנט און האָט אין אַ אידיש, מיט אַ דייטשען אַקצענט, מיר געזאָגט:

„הער רעגענסבערג, עס פרייט מיך זעהר אייך צו זעהן. עס איז ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס מיר קומט אויס צו טרעפען זיך מיט אידישע שרייבער. מען האָט מיר געזאָגט אַז דער „פאָרווערטס" איז די גרעסטע אידישע צייטונג אין דער וועלט. פרעהט עס מיך, און איך פיל זיך שטאַרק געעהרט וואָס איר זענט געקומען צו ריידען צו מיר."

מיר האָבען זיך אָוועקגעזעצט. אין פאַרלויף פון דעם שמועס, וואָס האָט געדויערט העכער אַ שעה צייט, האָט דער רב, וועמען דער דייטש רופט „רבי", זיך אָפט אַריינגעמישט. ער, דער געראַטעוועטער רב, האָט געוואָלט דערצעהלען וועגען די וואונדערליכע זאַכען, וואָס שינדלער האָט געמאַ

זיך געענדיגט, זיינען ביי די דאָ
גען אידען געבוירען געוואָרען 70
קינדער. דאָס זיינען מיינע קינדע
די קינדער פון די „שינדלער - י
רען". עס פאַרשאַפט מיר א ס
נחת זיך צו טרעפען מיט זיי. וואָ
א טאָג ווערט אַלץ קלאָרער פאַ
מיר, אַז איך האָב געטאָן די ריכ
טיגע זאַך, ניט צוליב די דייטשע
וועלכע האָבען אַזוי ברוטאַל אומ
געבראַכט זעקס מיליאָן אידען, נאָ
צוליב מיין אייגענעם געוויסען אַל
מענש. מיט אַזוי פיל פריינט, וואָ
איך האָב איבער דער גאַנצע
וועלט, מיט דער דאַנקבאַרקייט
וואָס די גרעסטע אידישע וועלט
אָרגאַניזאַציעס ווייזען מיר אַרויס
און מיט דער הילף וואָס איך באַקום
פון זיי פון צייט צו צייט, באַטראַכט
איך זיך אַלס דער רייכסטער מענש
אין דער וועלט."

די גאַנצע צייט פון אונזער שמועס האָט דער טעלעפאָן אין הויז פון די ראָזנערס ניט אויפגע־הערט צו קלינגען. שינדלער האָט געמוזט צוגעהן און ריידען. ער האָט מיט די מענשען, וועלכע האָבען אים טעלעפאָנירט, גערעדט פויליש, דייטש, אידיש און אויך שפּאַניש, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט פאַר דער צייט וואָס ער איז אין אַרגענטינע. איינע פון די, וועלכע האָבען טעלעפאָנירט, איז געווען די פרוי אידיט ווערטהיים, וועלכע האָט געגעבען דעם שרייבער פון דעם „פאָרווערטס" - אַרטיקעל דעם מאַטעריאַל וועגען שינדלער'ן. ווען ער האָט אויפגעהאַנגען דעם רעסי־ווער, האָט מיר שינדלער דער־ציילט, אַז ער האָט אין רעגענס־בורג געטאַנצט אויף דער חתונה פון אידיט ווערטהיים.

עס איז שווער איבערצוגעבען
אין אַ צייטונגס - אַרטיקעל דאָס,
וואָס אָסקאַר שינדלער האָט געטאָן
פאַר אידען. יעדער איינער פון די
אידען, וועלכע ער האָט געראַטע־
ועט, האָט צו דערציילען גענוג
אויף אויסצופילען אַ גאַנצע צייו־
טונג. ער אַליין, דער הויפּט-העלד
ון דער דראַמע פון מענשליכער
טסקייט און רעטונג, וואָס האָט
ט דאָס גלייכען צו זיך אין דעם
אַנד, ווענען'ס טיוולאָנים האָבען

(שלום אויף זייט 7)

דערצעהלט — „האט די געסטאפא באקומען א באפעהל צו ליקווידירען אלע אידן פון געטא. איך האב זיי אפגעבעטען אז מען זאל מיר געבען נאך א נאכט. אין דער דאזיגער נאכט האב איך באהאלטען צענדליגע אידען און א סך פון זיי געהאלפען אנטלויפען. דעם צווייטען טאג בין איך געקומען אין געטא. איך האב צוזאמענגעקליבען „מיינע" אידען און זיי געזאגט, אז צום באדויערען מוז איך אויפגעבען מיין פאבריק, אבער איך האב זיי פארזיכערט אז זיי דארפען זיך ניט שרעקען, ווייל איך וועל טאן אלץ אין דער וועלט זיי צו ראטעווען און העלפען. איך וועל קיינמאל אין מיין לעבען ניט פארגעסען דאס געוויין, וואס האט יענעם מאמענט אויסגעבראכען. מען האט די אידען אוועקגעשיקט קיין פלאשאוו, קיין אוישוויץ, און אין אנדערע לאגערען, איך האב אויסגעווירקט די דערלויבעניש פון דער מיליטערישער מאכט אריבערצופירען מיין פאבריק קיין ברינִיצע, אין טשעכאסלאוואקיע. איך האב באקומען א דערלויבעניש מיטצונעמען מיט זיך 900 פון מיינע קראקעווער „ספעציאליסטען". די פרייד פון די אידען איז געווען אן אומבאשרייבליכע. שפעטער האב איך געהערט, אז דער אבער-ראבינער לעווערטאוו האלט ביים געשאסען ווערען. כ'האב ניט געקענט קומען צו דער געסטאפא בעטען, אז מען זאל מיר געבען דעם רב. האב איך אויסגעקליבען נאך 50 אידען, דעם רב צווישען זיי, און זיי געבראכט אין מיין פאבריק. איצט זיצט דער רב לעבען מיר."

שינדלער האט זיך אפגעשטעלט. ער האט ארומגענומען דעם רב און אים צוגעטוליעט צו זיך ווי זיינעם א ברודער. ביים רב אין די אויגען האבען געפינקעלט טרערען. פאר דער צייט וואס שינדלער איז געווען אין ניו יארק, איז דער רב געקומען צו אים, אויף זיין פארלאנג, יעדען טאג, און ער איז געווען זיין עצה-געבער און ווארט-זאגער.

דער מערקווירדיגער דייטש האט מיר געזאגט אז ער האט געמוזט „שמירען" (אונטערקויפען) די געסטאפא-אגענטען. ער האט דאס געטאן מיט געלט, מיט דימענטען, מיט שפייז, מיט סיגארעטען, און מיט אלץ וואס עס האט זיך נאר געלאזט. דארט וואו קיין געלט און צירונג האט ניט געהאלפען, האט ער געפעלשט דאקומענטען, געסטאפא-ארדערס און פארארדענונגען, כדי צו ראטעווען „זיינע" אידען. אלע, וועלכע ער האט אויסגעקליבען, זיינען געווען פון אשוויענטשים. דארט האט ער אויך גענומען דריי הונדערט אידישע פרויען, די ווייבער און טעכטער פון זיינע אידישע ארבייטער. זיין לאגער, וואס

# מיט דעם דייטש וואס האט די לעבענס פון 1,300 אידען

ער האט געהאט ניט ווייט פון דער פאבריק, און וואס די געסטאפא האט באטראכט פאר אן אפטיילונג פון שקלאפען־ארבייטער, איז געווען דער איינציגער לאגער אין דייטשלאנד, וואו עס האבען זיך געפונען גאנצע אידישע משפחות. אין שינדלער'ס לאגער זיינען די אידען באהאנדעלט געווארען ווי מענשען. ער האט פאר זיי באקומען שפייז. פסח האט ער געזארגט אז זיי זאלען האבען בארשט מיט קארטאפעל. ער האט זיי געגעבען סיגארעטלעך צו רויכערען. צוויי און א האלבען מיליאן מארק, האט ער מיר געזאגט, האט ער געגעבען די אידען אלס טאשען־געלט. דא האט פרוי ראזנער מיר דערצעהלט, אז זי און איר מאן, ענריק, א פידעלשפילער פון קראקע (זי איז א געבוירענע פון ווינען), האבען געארבייט אין שינדלער'ס פאבריק. זיי האבען געהאט מיט זיך זייער צען־יאריגען אינגעלע, אלעקסאנדער. איז די געסטאפא געקומען און האט ארויסגענומען פון דער פאבריק דעם מאן מיט דעם אינגעלע. שינדלער האט אונטערגעקויפט די נאצים אין אשוויענטשים, און האט פון דארט צוריק געבראכט אין זיין פאבריק ראזנער'ן מיט זיין אינגעלע. ראזנער שפילט איצט אין דעם נאכט־קלוב „פאלאנעז" אין ניו יארק. דער זוהן איז א געענדיגטער עלעקטריקעל אינזשיניר און דינט אין אנקעל סעמ'ס פלאטע.

דער מערקווירדיגער דייטש און רעטער פון אידען האט מיר געוויזען אן ארטיקעל וואס איז אפגעדרוקט אין העברעאיש אין דעם זשורנאל „ידיעות יד ושם", וואס גייט ארויס אין תל אביב, און וואס איז דער ארגאן פון דעם מאנומענט פאר די זעקס מיליאן קדושים פון אונזער פאלק. אויף דער ערשטער זייט איז אפגעדרוקט שינדלער'ס בילד מיט א שילדערונג פון די מעשים טובים, וואס ער האט געטאן פאר אידען. איך האב עס איבערגעלייענט און געקוקט אויף אים, אויף דעם רב און דער ראזנער פאמיליע, וועמען ער האט געראטעוועט, און האב דערביי געטראכט, אז ווען ער וואלט געטאן בלויז דאס אליין, ווען ער וואלט געראטעוועט ניט מער ווי די פאמיליע פון דריי, וועמענ'ס גאסט ער איז, און דעם געוועזענעם הויפט־רב פון קראקע, האט ער פאר דעם אליין שוין פארדינט אייביגע דאנקבארקייט ניט נאר ביי זיי, נאר פון אלע אידען.

גאר ריהרענד איז געווען דער מאמענט, וואס שינדלער האט פאר מיר געשילדערט, ווען ער האט געדארפט זיך געזעגענען מיט די אידען, נאכדעם ווי עס איז געקומען די בשורה פון פילד־מארשאל מאנטגאמערי, אז דער שונא, דער דייטש, געהט זיך אונטערגעבען.

„איך האב צוזאמענגערופען די אידען" — האט ער מיר געזאגט — „און האב פאר זיי געהאלטען א רעדע. איך האב זיי געזאגט, אז זיי געהען ארויס אין דער וועלט אריין איבערבויען זייערע לעבענס. כ'האב זיי געוואונשען גליק, און זיי גערופען קיינמאל ניט צו פארגעסען ווי ברוטאל די דייטשען זיינען געווען צו זיי. איך האב געענדיגט מיין רעדע רופענדיג אלע ארבייטער אין דער פאבריק זיך אויפצושטעלען און שווייגען דריי מינוט אין אנדענק פון די מארטירער פון אידישען פאלק. עס האבען זיך אויפגעשטעלט ניט נאר אידען, נאר אויך פאליאקען און עטליכע דייטשע ארבייטער. איך האב נאכדעם געזאגט, אז ס'וועט קומען א מאמענט ווען אין ישראל, וואס איך קלויב זיך באזוכען, וועט זיך געפינען א שינדלער־גאס. די אידען האבען מיך אויפגעהויבען אויף זייערע אקסלען און ארומגעטאנצט מיט מיר. איז עס דען א וואונדער, וואס ווי שווער מיין לעבען זאל איצט ניט זיין, ווייל מ'האט ביי מיר אלץ

ניט זיין, ווייל כ׳האָב ביי מיר אַלץ צוגענומען, קען איך אויסלעבען מיינע יאָרען מיט אַ רוהיגען געוויסען. איך האָב געהאָלפען ראַטעווען אידען, און די אידען האָבען שפּעטער מיר געהאָלפען פאַרלאָזען דייטשלאַנד. איך בין זייער דאַנקבאַר דערפאַר.״

איך בין אַוועק פון דעם מערק־ווירדיגען דייטש מיט אַ געפיל פון וואַרימער דאַנקבאַרקייט פאַר אַלץ וואָס ער האָט געטאָן פאַר מיינע שוועסטער און ברידער, ווען דער טויט האָט געלויערט אויף זיי. איך

האָב געטראַכט ווי גוט עס וואָלט
געווען, ווען איך וואָלט געקענט
שרייבן וועגן נאָך אַזעלכע דיר־
טשען ווי אָסקאַר שינדלער, דער
רעטער פון 1,300 אידען, וועלכער
באַטראַכט זיך אַלס דער פאָטער פון
די 170 קינדער וואָס די פרויען
פון די געראַטעוועטע האָבען גע־
בראַכט אויף דער וועלט, נאָכדעם
ווי ער האָט זיי געראַטעוועט, באַ־
שיצט, געשפייזט זיי, און זיי אויס־
באַהאַלטען פון די נאַצישע מער־
דער, ווען ער, דער דייטש, קען
ביז היינט צו טאָג ניט מוחל זיין
זייערע ברוטאַלע פאַרברעכנס.